**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 06/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט $66 מיליאן פאר לאקאלע וואסער אינפרעסטרוקטור פראיעקטן איבער ניו יארק סטעיט**

***באשטעטיגונג פון פינאנציעלע הילף אויטאריזירט לאקאלע רעגירונגען צו באקומען צוטריט צו די מיטלען וואס פעהלן זיך אויס צו קענען אנהויבן שאוועל-גרייטע פראיעקטן וועלכע רעדוצירן סכנות צו די פובליק געזונטהייט און די ענווייראמענט***

***ריקט פאראויס די סטעיט'ס געטריישפאט צו פארזיכערטע און ריינע טרינקן וואסער פאר אלע ניו יארקער***

גאווערנאר קעיטי האקול האט היינט געמאלדן אז די ענווייראנעמנטל פאסיליטיס קארפארעישאן באורד פון דיירעקטארס האט באשטעטיגט $66 מיליאן אין פינאנציעלע הילף פאר וואסער אינפרעסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקטן. די היינטיגע מעלגונד צייכענט די לעצטע שריט צו שטיצן דערהייינטיגונגען צו ניו יארק'ס וואסער און אפפאל סיסטעמען, פארמינערן וואסער פארפעסטיגונג, און פארזיכערן וויכטיגע טרינקן וואסער סופלייס. די באורד'ס שריט ערלויבט מוניציפאל צוטריט צו נידריג-קאסט, קורץ-טערמיניגע פינאנסירונג און פריער געמאלדענע געלטער צו פירן פאראויס קריטישע פאסער און אפפאל אינפרעסטרוקטור פראיעקטן, אריינגערעכנט באהאנדלונג פראצעדורן צו ארויסנעמען נייע פארפעסטיגונגען פון טרינקן וואסער און מאדערניזירן אלטע סיסטעמען פאסיליטיס. דער באורד האט אויך באשטעטיגט נידריג-קאסט לאנג-טערמיניגע פינאנסירונג פאר זיבען פארענדיגטע פראיעקטן, וואס שטעלט צו רעליעף דורך נידריגערע אינטערעסט ראטעס ווי אויב די מוניציפאליטעט וואלט געבארגעט אליין.

"ניו יארק שטייט פעסט אין איר געטריישאפט צו צושטעלן יעדע קאמיוניטי מיט צוטריט צו ריינע וואסער," **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "די $66 מיליאן אינוועסטירונג אין שטאטישע וואסער אינפרעסטרוקטור שטיצט לאקאלע קאמיוניטיס מיט די רעסורסן און טעכנישע פעהיגקייטן צו אנהויבן די וויכטיגע פראיעקטן, וואס וועלן באשיצן פובליק געזונטהייט און פארזיכערן אז ניו יארקער האבן פארזיכערטע ריינע וואסער פאר קומענדיגע דורות."

די באורד'ס באשטעטיגונג שליסט איין פינאנסירונג דורך די [ריינע וואסער סטעיט רעוואלווינג קוואל](#) און [טרינקן וואסער סטעיט רעוואלווינג קוואל](#), און געלטער שוין געמאלדן אין איינקלאנג מיט די [וואסער אינפרעסטרוקטור פארבעסערונג און אינטערמוניציפאל געלטער](#) פראגראמען.

**ניו יארק סטעיט ענווייראנמענטל פאסיליטיס קארפארעישאן פרעזידענט און CEO מאורין א. קאולמאן האט געזאגט,** "די געלטער און פינאנסירונג באשטעטיגט היינט דורך די EFC באורד העלפט פארזיכערן אז פינאנציעלע שטערונגען פארמיידן נישט קאמיוניטיס פון אונטערנעמען וויכטיגע פראיעקט וואס באשיצן פובליק געזונטהייט און דעם ענווייראנמענט. EFC איז געטריי צו צושטעלן די רעסורסן צו די

קאמיוניטיס וואס דארפן זיי דאס מערסטע און וועט ווייטער צושטעלן שטיצע צו העלפן די קאמיוניטיס מיט צוטריט צו סטעיט און פעדעראלע געלטער."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטל אויפהאלטונג קאמישאנער און EFC באורד טשעיר באזיל סעגאס האט געזאגט,** "די מערקווערדיגע אינוועסטירונג באשטעטיגט היינט דורך די EFC באורד וועט צושטעלן געלטער צו לאקאלע גאווערנמענטס וואס ארבעטן צו דערהיינטיגן וויכטיגע אינפרעסטרוקטור. גאווערנאר האקול ריקט פאראויס לענגליכע אינוועסטירונגען צו פארבעסערן ניו יארק סטעיט'ס וואסער קוואליטעט דורך העלפן פארערכטן אלטע און איבערגעארבעטע אינפרעסטרוקטור און פארזיכערן וויכטיגע טרינקן וואסער צושטעלן פאר קומענדיגע דורות."

**ניו יארק סטעיט העלט קאמישאנער דר. דזשעימס מקדאנעלד האט געזאגט,** "די $66 מיליאן באשטעטיגט היינט דורך די ענווייראנמענטל פאסיליטיס קארפארעישאן וועט פארזיכערן אז לאקאלע גאווערנמענטס האבן די רעסורסן וואס זיי דארפן צו דערהיינטיגן זייער וואסער סיסטעמען און צו פארזיכערן זייער טרינקן וואסער. איך דאנק גאווערנאר האקול פאר איר שריט צו שטיצן ניו יארקער'ס געזונטהייט דורך פארזיכערן אז יעדער האט צוטריט צו וואסער וואס איז באקוקט, באהאנדעלט, און פארזיכערט צו אריינגעמען."

**ניו יארק סעקרעטאר פון סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "די אומפאראויסגעזענע אינוועסטירונג פאר וואסער אינפרעסטרוקטור פראיעקטן איז וויכטיג פאר עקאנאמישע וואוקס פון ניו יארק'ס קאמיוניטיס. פארזיכערטע און פארלעסליכע טרינקן וואסער און אפפאל סיסטעמען זענען נישט נאר וויכטיג צו באשיצן פובליק געזונט, נאר סערווירן אויך אלס א בעפארגרייטונג צו שטיצן נייע האוזינג, פאסטנס, און עקאנאמישע אקטיוויטעט צו קאמיוניטיס איבער די סטעיט. דאס באשטעטיגן פון $66 מיליאן אין פינאנציעלע הילף דורך די ענווייראנמענטל פאסיליטי קארפארעישאן באורד צו מאדערניזירן אלטע וואסער אינפרעסטרוקטור און פאסיליטיס ארום די סטעיט וועלן צושטעלן די אינפרעסטרוקטור צו ערלויבן קאמיוניטיס צו וואקסן און בליען."

**יונייטעס סטעיטס ענווייראנמענטל שוץ אגענטור (Environmental Protection Agency, EPA) ראיאן אדמיניסטרעיטאר ליסע גארסיע האט געזאגט,** "EPA און ניו יארק ארבעטן צו פארזיכערן אז קאמיוניטיס וואס האבן זיך געמוטשעט אינעם פארגאנגענהייט פאר די גלעט קוועלער זאלן האבן פריאריטעט. אונטער דיביידען-האררים אדמיניסטראציע, מאכט EPA גוטע שותפות'ן מיט די סטעיטס צו האבן די מערסטע ווירקונג מעגליך אויף וואסער אינפרעסטרוקטור געלטער צו אדרעסירן וואסער פראבלעמען וואס קאמיוניטיס האבן. אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האקול, טוען שוואכערע קאמיוניטיס - רורעל, אורבאן, סובאורבאן - ענדליך באקומען דער טייל וואס קומט זיך זיי פון פעדעראלע וואסער אינפרעסטרוקטור געלטער צו דערהיינטיגן און פארבעסערן וואסער סיסטעמען. אינוועסטירן אין וואסער אינפרעסטרוקטור באשיצט פובליק געזונטהייט, היט אפ דעם ענווייראנעמענט און מוטיגט דעם עקאנאמיע."

**סענאט מערהייט פירער טשארלס א. שומער האט געזאגט,** "פונעם קאפיטאל געגענט צו די פינגער לעיקס צו די דרום טייל, איז יעדע ניו יארקער בארעכטיגט צו צוטריט צו פארזיכערטע און ריינע טרינקן וואסער און א מאדערנע אפפאל סיסטעם און דערפאר האב איך אזוי שווער געקעמפט צו באקומען מאסיווע פארמערונגען פון פעדעראלע געלטער צו ניו יארק סטעיט פאר די פראיעקטן. שטארקע, פארלעסליכע וואסער אינפרעסטרוקטור איז וויכטיג פאר פובליק געזונטהייט, א שטארקע עקאנאמיע און דאס אויפהאלטונג פון אונזער ענווייראנמענט, און איך לויב גאווערנאר האקול פארן ערמעגליכן די $66 מיליאן אין פינאנציעלע שטיצע, וואס וועט נישט נאר צושטעלן וויכטיגע דערהיינטיגונגען פאר ניו יארק'ס וואסער און אפפאל סיסטעמען, נאר וועט אויך פארמינערן וואסער פארפעסטיגונג און אויסראטן שעדליכע פארפעסטיגונגען פון טרינקן וואסער, וואס וועט צושטעלן קריטישע בענעפיטן צו יעדע טייל

פונעם סטעיט." האט סענאטאר שומער געזאגט. "איך בין שטאלת אז איך האב פארזיכערט מערקווערדיגע פעדעראלע געלטער פאר ניו יארק'ס וואסער אינפראסטרוקטור אין מיין צוויי-פארטייאישע אינוועסטירונג און דזשאבס אקט וואס וועט העלפן ליידן דעם פונדעמענט פאר א פארבעסערטע קוואליטעט פון לעבן איבער די סטעיט, און איך וועל קיינמאל נישט אויפהערן קעמפן צו ברענגן די פעדעראלע געלטער צוריק אהיים קיין ניו יארק."

**פארשטייער גרעיס מענג האט געזאגט,** "די סארט וואסער אינפראסטרוקטור דערהיינטיגונגען זענען קריטיש פארן ענווייראנמענט און פובליק געזונטהייט דורכאויס אונזער סטעיט. מיר מוסן ווייטער מאכן די אינוועסטירונגען פאר אונזערע קאמיוניטיס און צוקונפטיגע דורות, און איך פריי זיך אז די געלטער פונעם פעדעראלע אינפראסטרוקטור געזעץ גייען ווייטער קיין ניו יארק. איך דאנק גאווערנאר האקול פארן מעלדן וועגן די קריטישע געלטער צו העלפן פירן די פראיעקטן פאראויס."

**פארשטייער אדריאנע עספעילאט האט געזאגט,** "וואסער איז א יסוד פאר לעבן און אונזער אויפהאלטונג און צוטרירט צו ריינע וואסער איז א עיקר מענטשליכע רעכט. די וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסרונג פראיעקטן געמאלדן היינט וועלן שטיצן דערהיינטיגונגען צו אונזער אפפאל סיסטעם און וואסער קוועלער, העלפן פארמינערן פארפעסטיגונג און פארזיכערן טרינקן צושטעלן פאר אלע ניו יארקערס. איך לויב גאווערנאר האקול פאר איר ריכטיגע אויסטיילונג פון די פעדעראלע געלטער צו פארזיכערן אז וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן זענען פארזיכערט און פארלעסליך פאר איינוואוינער איבער די סטעיט."

**באשטעטיגטע ריינע וואסער פראיעקט פינאנצירונג**

- **וילעדזש פון מענענדס, אלבאני קאונטי** $2,609,338 קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע פינאנסירונג, $2,609,337 קורץ-טערמיניגע מארקעט-ראטע פינאנסירונג און $1,707,325 WIIA שענקונג פאר פלאנירונג, דעזיין און בויען פון ריינקייט סיסטעם פארבעסערונגען אין די דרום ענד געגנט.
- **וילעדזש פון ניוארק, וועין קאונטי-** $161,800 קורץ-טערמיניגע אינטערעסט פרייע פינאנסירונג, און $349,200 קורץ-טערמיניגע אינטערעסט פרייע פינאנסירונג מיט $511,000 שענקונג פון פעדעראלע [צוויי-פארטייאישע אינפראסטרוקטור געזעץ ( Bipartisan Infrastructure Law, BIL)] אלגעמיינע צוגעלייגטע געלטער פאר אפפאל וואסער באהאנדלונג פלענט דיסאינפעקשאן פארבעסערונגען.געלטער פאר וואסער אינפראסטרוקטור פון די BIL ווערן געפירט דורך די EFC דורך די  סטעיט רעוואלווינג געלטער.
- **וילעדזש פון וועילענד, סטובען קאונטי** $1,125,000 קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע פינאנסירונג, $2,125,000 קורץ-טערמיניגע מארקעט-ראטע פינאנסירונג און $750,000 WIIA שענקונג פאר פלאנירונג, דעזיין און בויען פון אפפאל וואסער באהאנדלונג פלענט פארבעסערונגען.
- **וילעדזש פון פאנדע, מאנטגאמערי קאונטי-** $814,950 לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע פינאנסירונג פאר ריינקייט אפפאל פארבעסערונגען.
- **וילעדזש פון פרעדאניע, טשאטאוקוע קאונטי-** $4,878,833 לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע פינאנסירונג צו פלאנירן, דעזיין און בויען די ערשטע פאזער פון די  וילעדזש'ס אפפאל וואסער באהאנדלונג פלענט פארבעסערונג פראיעקט.
- **וילעדזש פון מידלפארט, נייעגרע קאונטי** $155,714 לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע פינאנסירונג פאר פלאנירונג, דעזיין און בויען פון א דיסאינפעקשאן סיסטעם ביים וילעדזש'ס אפפאל וואסער באהאנדלונג פלענט.
- **וילעדזש פון נעיפלס, אנטעריא קאונטי** $4,812,577 לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע פינאנסירונג פאר פלאנירונג, דעזיין און בויען פון א נייע זאמלונג סיסטעם און אפפאל וואסער באהאנדלונג פלענט.

- **ווילעדזש פון אדעסע, שוילער קאונטי** $4,071,125 לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע פינאנסירונג פאר פלאנירונג, דעזיין און בויען פון א נייע זאמלונג סיסטעם און אפפאל וואסער באהאנדלונג פלענט.
- **סיטי פון רענסעלעאר, רענסעלעאר קאונטי** - $2,494,784 לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע פינאנסירונג פארן דיזיין און בויען פון א ריינקייט און שטורם אפפאל ערזעצונג און ריינקייט אפפאל פארבעסערונג.
- **סליפי האלאו לעיק פאראיין פון פראפערטי אייגנטומערס, INC, גרין קאונטי-** $6,904,042 לאנג-טערמיניגע מארקעט-ראטע פינאנסירונג פאר פאמפ סטאנציע און אפפאל וואסער באהאנדלונג פלענט דערהיינטיגונגען.

**באשטעטיגטע טרונקען וואסער פראיעקט פינאנצירונג**

- **גרינלאון וואסער דיסטריקט, סאפעלק קאונטי** - WIIA $3,230,400 שענקונג פארן ארייינלייגן און אוואנסירטע אקסידעישאן פראצעדור (Advanced Oxidation Process, AOP) באהאנדלונג סיסטעם צו באהאנדלונג 1,4-דייאקסעין ביי קוואל נו. 11.
- **דזשעריקא וואסער דיסטריקט, נאסאו קאונטי-** WIIA $12,115,200 שענקונג צו ארייינלייגן אן AOP באהאנדלונג סיסטעם און א גרעניולער אקטיוויזירטע קארבאן (Granular activated carbon, GAC) באהאנדלונג סיסטעם ביי די סטילוועל לעין פאסיליטי קוועלער נו. 20 און 21 פארן ארויסנעמען די 1,4-דייאקסעין און פערפלוראואקטאנעיק עסיד (perfluorooctanoic acid, PFOA).
- **מעדיסאן קאונטי-** WIIA $1,608,000 שענקונג צו מאכן די נייע קלאקוויל וואסער דיטריקט נו. 1 אינעם טאון פון לינאקלן און טאון פון לענאקס, פארבינדענע וואסער פארטיילונג מעינס און א פארבינגונג פון אנאנדאגע קאונטי וואסער אוטאריטעט.
- **ווילעדזש פון מענענדס, אלבאני קאונטי** $2,094,120 קורץ-טערמיניגע מארקעט-ראטע פינאנסירונג, WIIA $2,954,880 שענקונג פאר ערזעצונג פון ארום 12,250 ליניער פיס פון וואסער מעין אין די דרום ענד געגנט.
- **ווילעדזש פון סענדס פוינט, נאסאו קאונטי-** WIIA $3,000,000 שענקונג פארן ארייינלייגן א נייע GAC באהאנדלונג סיסטעם פאר קוועלער A2 און A5.
- **סאפאלק קאונטי וואסער אוטאריטעט, סאפעלק קאונטי** -IMG $2,701,692 שענקונג פאר בויען ארום 20,000 ליניער פיס פון וואסער מעינס צו פארברייטערן וואסער סערוויס צו 64 היימען אויף האלסעי מאנער ראוד אנגעהויבן פון קאנטרי רואט 111 און ביז צפון צו מילל ראוד, דאן מזרח צו דוי ראן, פרימראוז פעטה, און פארבינדענע זייטיגע גאסן אין מאנארוויל, טאון פון ברוקהעיוואן.
- **וואסער אוטאריטעט פון גרעיט נעק צפון, נאסאו קאונטי-** WIIA $3,000,000 שענקונג צו ארייינלייגן אן AOP באהאנדלונג סיסטעם פארן ארויסנעמען די 1,4-דייאקסעין, און א GDC באהאנדלונג סיסטעם צו ארויסנעמען PFOA.

**איבער די ענווייראנעמענטל פאסיליטיס קארפארעישאן (Environmental Facilities Corporation, EFC) און סטעיט רעוואלווינג געלטער (State Revolving Funds, SRF)**

EFC איז ניו יארק סטעיט'ס וואסער אינפראסטרוקטור באנק און האט געגעבן געלט פאר טייל פון די גרעסטע אינפראסטרוקטור פראיעקטן פונעם סטעיט. EFC האט די גרעסטע SRFס אינעם לאנד, האבנדיג צוגעשטעלט מער ווי $44 ביליאן אין נידריג-קאסט פינאנציעלע הילף צו קאמיוניטיס פאר קריטישע טרינקן וואסער און אפפאל פראיעקטן זייט 1990. געלט פאר די פינאנציעלע הילף פראגראמען קומען פון יערליכע פעדעראלע קאפיטאליזאציע שענקונגען, סטעיט צופאסן, צוריקצאלונגען פון לאקאלע רעגירונגען, און פרא-אקטיווע פינאנציעלע מענעדזשמענט דורך EFC. ווען קאמיוניטיס צאלן צוריק זייער פינאנצירונגען, ערלויבט עס EFC צו פינאנסירן נייע פראיעקטן און די געלעטער "גייען ארום" און וואקסן מיט די צייט.

**ניו יארק'ס געטריישאפט צו וואסער קוואליטעט און יעצטיגע געלטער געלעגנהייטן**

ניו יארק סטיעט'ס לאנד-פירענדע אינוועסטירונג אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור קומט אויס צו $5 ביליאן זייט 2017. אונטער די פירערשאפט פון גאווערנטאר האקול, טוט די 2023-24 איינגעפירטע בודזשעט שליסט איין די $500 מיליאן אין ריינע וואסער געלטער. די גאווערנאר האט ערפינדן די קאמיוניטי שטיצע טיעמס היי יאר צו פארברייטן EFC'ס טעכנישע שטיצע פראגראמען און העלפן קליינע, רורעל און שוואכערע קאמיוניטיס צוקומען צו די געלטער צו אדרעסירן זייער ריינע וואסער אינפראסטרוקטור געברויכן. סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף הילף מיט זייער וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן איז געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט EFC ביי [efc.ny.gov/CAT](efc.ny.gov/CAT).

EFC נעמט אן אפליקאציע ביז **יולי 28** פאר די נעקסטע רונדע פון [WIIA/IMG](WIIA/IMG) שענקונג געלטער סך הכל $425 מיליאן. דער רונדע פון געלטער איז אוויעלעבל דורך עקזיסטירנדע סטעיט רעסורסן און די ערשטע איסגעבונג אונטער די ווילער-באשטעטיגטע $4.2 ביליאן [ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטל באנד עקט](ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטל באנד עקט), וואס האט ספעציפיש געצייכנט EFC'ס שענקונג פראגראמען אלס געצייג צו באקומען געלטער פאר וואסער קוואליטעט פארבעסרונגען און שטארקע אינפרעסטרוקטור.

דער באנד אקט אוואנסירט היסטארישע שטאפלען פון געלטער צו דערהיינטיגן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט, פארשטערקערן קאמיוניטי'ס מעגליכקייט צו ביישטיין ערנסטע שטורעמעס און פלייצונג, פארמינערן לופט פארפעסטיגונג און נידערן קלימאט-ענדערנדע ארויסגעבונגען, צוריקברענגען האביטאטס, און איופהאלטן דרויסנדע ערטער און לאקאלע פארמס. שוואכערע קאמיוניטיס וועלן באקומען כאטש 35 פראצענט פון די בענעפיטן פון די באנד אקט געלטער מיט א ציל פון 40 פראצענט.

ניו יארק סטעיט וועט האלטן אן אופן-ארט און ווירטועל צוהערן סעסיע פאר קאמיוניטיס צו געוואר ווערן מער וועגן די באנד עקט געלטער געלעגנהייטן און צו ארייננזאגן וועגן די דרעפט בארעכטיגטקייט אנווייזונגען וואס ווערן אנטוויקעלט צו אידענטיפיצירן מעגליכע פראיעקטן. גייט צו [Bond Act website](Bond Act website) צו געוואר ווערן מער און זיך צו רעגיסטרירן פאר צוקונפטיגע סעסיעס.

נאך וואסער קוואליטעט שענקונג געלטער זענען אוועילעבל דורך רונדע 13 פונעם גאווערנאר'ס [קאנסאלידעיטעד געלטער אפליקאציע](קאנסאלידעיטעד געלטער אפליקאציע). דאס שליסט איין EFC'ס [גרין אינאוועישאנס](גרין אינאוועישאנס) און [ענדזשינירונג פלאנירונג שענקונג](ענדזשינירונג פלאנירונג שענקונג) פראגראמען, און DEC'ס [וואסער קוואליטעט פארבעסערונג פראיעקט](וואסער קוואליטעט פארבעסערונג פראיעקט) פראגראם. די CFA אפליקאציע אפשניט איז **יולי 28**.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן](זיך ארויסשרייבן)